גוט שבת אלע אידן. די גמרא און די ספרים הקדושים רעדן אין אסאך פלעצער וועגן דעם כח פון ענטפערן "אמן." און עס איז א גרויסע עבירה ווען איינער הערט פון אן אנדערן א ברכה אדער אין שול ווען דער חזן זאגט די הויכע שמונה עשרה אדער קדיש, און מען זאגט נישט נאך אמן. און כדי צו ווייזן ווי גרויס דער עונש איז ווען מען איז מבטל איין אמן, וועלן מיר יעצט פארציילן א פארכטיגע מעשה וואס עס האט פאסירט ביי דעם הייליגן גאון רבי מרדכי יפה זצ"ל. פון דעם מעשה וועלן מיר אביסל פארשטיין וואס פאר א גרויסע עונש דאס איז נישט צו ענטפערן אמן ווען מען הערט א ברכה אדער קדיש. און "מדה טובה מרובה ממדת פורענות," אויב אזוי קענען מיר אויך פארשטיין די ריזיגע שכר וואס מען באקומט ווען מען ענטפערט אמן.

דער גאון רבי מרדכי יפה זצ"ל וועלכער האט מחבר געווען די בארימטע ספר "עשרה לבושים", איז פריער געווען א רב אין א קליין שטעטל, און ווייל ער איז געווען א גרויסער גאון אין נגלה אויך אין נסתר האט מען אים אויפגענומען אלס רב אין דער שטאט פויזנא. אזוי ווי מען האט אים געברענגט דעם אויפנאמ'ס בריף, האט ער צו דער דעלעגאציע געזאגט: איך נעם אן די שטעלע צו זיין אייער רב, נאר מיט איין תנאי, איך זאל פריער פארן קיין איטאליע דארט צו לערנען די חכמה פון "עיבור החודש", ווייל דא אין דער מדינה איז נישט געווען ביי וועמען צו לערנען. דערפאר, מוז איך פארן קיין וועניציע (איטאליע) צו די דארטיגע חכמים אויסצולערנען די חכמה. זיי האבן מסכים געווען, און ער איז אהין געפארן און האט געלערנט 4 חדשים ביי דעם גרויסן חכם רבי אבוהב הספרדי זצ"ל. און דארט האט ר' מרדכי די חכמה זיך גוט אויסגעלערנט.

איינמאל, האט זיך געטראפן אז עס איז געווען דארט אין שטוב א קינד פון דעם חכם, און דאס קינד האט געגעסן א פרוכט און האט געמאכט הויך א ברכה "בורא פרי העץ". אלע מענטשן האבן נאכגעזאגט "אמן" אזוי ווי דער דין איז, נאר דער רב רבי מרדכי יפה זצ"ל האט נישט נאכגעזאגט אמן, אזוי ווי עס איז ליידער ביי פיל מענטשן נאכלעסיג אין ענטפערן אמן. און אזוי ווי דער חכם רבי אבוהב הספרדי האט געזען אז רבי מרדכי יפה האט נישט געענטפערט אמן האט ער זייער שטארק געצערנט אויף אים און איז געווארן אין גרויס כעס, און האט רבי מרדכי יפה געלייגט און חרם!

רבי מרכי יפה האט געמוזטווארטן דרייסיג טאג אזוי ווי דער דין איז, אז סתם נידוי איז דרייסיג טאג (עיין שלחן ערוך, יורה דעה, סימן שלד:יג) דערנאך איז ער געקומען צום זיין רבי'ן איבערבעטן, האט אים דער רבי נישט געוואלט מוחל זיין, האט רבי מרדכי געפרעגט: מה פשעי, ומה חטאתי – וואס האב איך געזינדיגט וואס דו ווילסט מיר נישט מוחל זיין? האט אים דער רבי געענטפערט: זאלסט וויסן אז איך האב דיך ליב אהבת נפש אן אמת'דיגע ליבשאפט, נאך מער ווי מיינע אייגענע קינדער, נאר זאלסט וויסן, אז איך האב געזען אין הימל אז דו ביסט געווען מחוייב מיתה בשעת דו האסט נישט נאכגעזאגט אמן נאך דעם קינד'ס ברכה, פונדעסוועגן בין איך דיר מוחל מיטן גאנצן הארץ, נאר מיט דעם תנאי אז דו זאלסט אין יעדער קהילה, ביי יעדער פארזאמלונג, דרש'נען און באקאנט מאכן פאר דעם עולם די גרויסע עבירה און דעם גרויסן פגם וואס מען מאכט, ווען מען זאגט נישט נאך אמן אויף יעדער ברכה וואס מען הערט. נאך בעט איך דיך אז דו זאלסט אנזאגן דיינע קינדער און אייניקלעך ביז סוף הדורות, זיי זאלן דערציילן די מורא'דיגע מעשה וואס האט זיך געטראפן אין שפאניע.

אין לאנד שפאניע זענען געווען פאר דעם יאר תתנ"ו גרויסע ערליכע קהילות. עס האט דעמאלט געקעניגט א קעניג וואס האט געוואלט אסאך מאל ארויסטרייבן אידן פון דארט, נאר עס איז געווען דארט א חסיד זייער א ערליכער מענטש, וואס ער איז געווען ביים מלך זייער חשוב. יעדעס פאל ווען דער קעניג האט געוואלט די אידן ארויסטרייבן פלעגט דער חסיד בעטן ביים מלך, און דער מלך פלעגט מבטל זיין די גזירות. דער איד האט זיך אמאל געטראפן אז דער מלך איז שטארק ברוגז געווען אויף די אידן, און האט ארויסגעגעבן א באפעל אז מען זאל אלע אידן ארויסטרייבן פון זיין לאנד.

זענען די אידן געקומען צו דעם חסיד און האבן אים געבעטן ער זאל גיין צום מלך פאר זיי בעטן אזוי ווי ער פלעגט טון שטענדיג, האט דער חסיד געזאגט: איך בין גרייט צו גיין, נאר אזוי ווי איך האב נאך נישט געדאווענט קיין מנחה, וועל איך פריער דאווענען און דערנאך גיין. אבער די אידן האבן אים שטארק געבעטן און געזאגט, אז צו ראטעווען כלל ישראל איז אויך אזא גרויסע מצוה ווי צו דאווענען מנחה, און ער וועט נאך האבן צייט נאכדעם צו דאווענען. האט ער זיי געפאלגט און איז געקומען צום מלך.

ווי דער מלך האט דערזען דעם חסיד, האט ער אים ארומגענומען און געהאלזט און געקושט. און די אידן וועלכע זענען מיטגעגאנגען מיט אים האבן זיך זייער געפרייט, פארשטייענדיג אז דער מלך וועט זיכער מבטל זיין די גזירה. אינצווישן איז אנגעקומען א גרויסער גלח פון אן אנדער שטאט, און האט געקניט און געפאלן דעם מלך צו די פיס, און אנגעהויבן צו בענטשן דעם מלך מיט א לאנגע ברכה אויף לאטייניש. דער חסיד האט נישט פארשטאנען דער שפראך, און ווי דער חסיד האט געזען אז עס וועט אריבער גיין דעם זמן פון מנחה, האט ער זיך געשטעלט אין א ווינקל דאווענען מנחה.

ער האט גערעכנט דאס ביז דער גלח וועט פארטיג ווערן וועט ער אויך פארטיג זיין מיט'ן דאווענען. ווען דער גלח איז פארטיג געווארן מיט דער ברכה. האט ער געזאגט: אלע מענטשן וועלכע געפינען זיך דא זאלן נאכזאגן אמן נאך דער ברכה, כדי די ברכה זאל מקוים ווערן. האט יעדער איינער נאכגעזאגט אמן, דער חסיד אבער האט נישט פארשטאנען וואס דער גלח זאגט, און ער האט געהאלטן אינמיטן דאווענען ש"ע, האט ער נישט נאכגעזאגט אמן. דער גלח האט געפרעגט אויב יעדער האט נאכגעזאגט אמן, האט מען אים געזאגט: יא. האט ער ווייטער געפרעגט אויב דער חסיד האט אויך נאכגעזאגט אמן, האבן אים די גוים דארט געענטפערט אז ניין, ווייל ער שטייט און דאווענט, און ער קען נישט מפסיק זיין. ווי דער גלח האט דאס געהערט, האט ער זיך געריסן די האר פון קאפ, און האט זייער שטארק געשריגן: ווויי ווויי, צוליב דעם איד וואס האט נישט נאכגעזאגט אמן, וועט די ברכה וואס איך האט געבענטשט דעם קעניג נישט מקוים ווערן!"

ווען דער קעניג האט געהערט וואס דער גלח האט געזאגט, איז ער זייער ברוגז געווארן אויף דעם חסיד, און ער האט באפוילן פאר זיינע באדינער מען זאל דעם חסיד הרג'ענען מיט א מיתה משונה ל"ע. באלד דערנאך איז דער חסיד געהרג'עט געווארן מיט ביטערע יסורים. דערנאך האט דער קעניג ארויסגעטריבן די אידן פון דעם לאנד.

נאך זיין הסתלקות איז דער געשטארבענער חסיד געקומען צו א לעבעדיגען חבר צו דערציילן פאר דעם חבר וואס האט גורם געווען אז ער זאל באקומען אזא שטראף פון הימל. האט דער געשטארבענער חסיד געזאגט פאר זיין חבר, אז איינמאל האט זיין קליין קינד געמאכט א ברכה "המוציא" און ער האט נישט נאכגעזאגט אמן אויף דער ברכה..." רבי אבוהב האט געענדיגט דערציילן דעם מעשה פאר רבי מרדכי יפה, און האט רבי אבוהב אים געזאגט: זאלסטו נישט ווערן בכעס פאר וואס איך האב דיך געלייגט אין חרם, ווייל איך האב געוואלט אז דאס זאל זיין א כפרה אויף דעם חטא.

בסוף פרשה זאגט דער אייבערשטער "(את שבתתי תשמרו) ומקדשי תיראו" וואס מען קען טייטשן "איר זאלט מורא האבן אין מיינע בתי כנסות." ווייל אונזערע שולען זענען א בחינה פון א "מקדש מעט," אזוי ווי די בית המקדש אליין. מען זעט אין פסוק ווי וויכטיג עס איז אויפצופירן אין שול ווי עס דארף צו זיין. ווייל מורא האבן פונעם באשעפער אין א שול איז דערמאנט אין פסוק לעבן היטן שבת. אויב אזוי זאלן מיר אלע נתחזק ווערן זיך אויפצופירן ווי עס דארף צו זיין אין שול, בפרט לגבי ענטפערן "אמן," און נישט ח"ו צו מבטל זיין זאגן "אמן" דורך שמועסן אין שול. גוט **שבת אלע אידן.**

**מזל טוב לחתן יוסף ברוך ברעננער נ"י לרגל שמחת הנישואין שלו בל"ג בעומר בשעטומ"צ**

נתנדב לע"נ רחל ריקל ע"ה בת ר' יצחק אייזיק הי"ו, נתרם לרפו"ש של הילד צבי אלימלך בן שיינדל, הילדה מלכה רייזל בת רחל, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים, לע"נ הרה"ח ר' ברוך (בן ר' יצחק ע"ה) אייזענבערג ז"ל

**נא לעיין בדף זה לאחר התפילה. לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)**

**דער יהודים יקרים מה שכתוב בזוהר: "ומי שמדבר בבית הכנסת בדברי חל, אוי לו!... שמראה שהרי אין לו חלק באלוקי ישראל..." (פר' תרומה קלא:)**